Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.


# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI, No. 6 | 50 CENTS A YEAR | FEBRUARY, 1929


## RABBI GAMALIEL GIVES GOOD ADVICE

It was an exciting day in Jerusalem. A Jew by the name of Peter, together with some companions, was talking to large multitudes of other Jews, and was telling them that they must believe in the Lord Jesus Christ. The High Priest and many who were with him suddenly laid hands upon Peter and his followers, and put them in prison. But God that night opened the prison doors and brought them out and told them, "Go stand and speak in the temple to the people all the words of this life."

Again they preached, and this time the multitude were cut to the heart and took counsel to slay them.

At this point we read a wonderful account of a man whose name was Gamaliel:

> "But a certain man, a Pharisee, named Gamaliel, a teacher of the law, held in honor of all the people, rose up in the council and commanded to put the Apostles out for a little while, and he said to them, Ye men of Israel, take heed to yourselves what you intend to do as touching these men. For before these days Theudas rose up, alleging himself to be somebody; to whom a number of men, about four hundred, joined themselves and who was slain; and all, as many as obeyed him, were scattered, and brought to naught. After this man rose up Judas of Galilee in the days of the census, and drew away a number of people after him; he also perished and all, as many as obeyed him, were dispersed. And now I say unto you, Withdraw from these men and let them alone; for if this council or this work be of men, it will come to naught. But if it be of God, ye cannot overthrow it; lest haply ye be found even to fight against God." Acts 5:34-39.

"Take heed what you intend to do as touching these men!" Gamaliel was a great rabbi, whose name to this day adorns the pages of Jewish history. He was a devout Jew and a great scholar. He was the one who had taught Paul all that he knew about the Holy Bible and the Hebrew literature, and he was to live to see that very Paul become a believer in the Lord Jesus Christ and the greatest missionary of Christ in all of the world's history. And here he was on this day witnessing Jews who with amazing boldness preached to the multitudes about the Lord Jesus Christ.

Doubtless Gamaliel's first impulse was the same as that which moved the other Jews, "Let us kill these apostates at once."

But, a quieter and more sober moment came to Gamaliel and perhaps his conscience was touched by the fear of God, and suddenly he comes out boldly before all the gathered multitudes and tells them in a voice of unquestioned authority, "Let these people alone! if this be of God, ye cannot overthrow it; lest ye be found even to fight against God."

Gamaliel was tolerant, truly tolerant, not only on the surface but way down in his heart. How we wish that the rabbis of our present day would be just a little bit tolerant like Gamaliel was. Some of our rabbis seem to shout their lungs out in demanding that everybody else should be tolerant to the Jews, but just as soon as one Jew becomes a believer in the Lord Jesus Christ, you will be astounded to find how suddenly and bitterly intolerant that very same rabbi becomes!

Gamaliel was sympathetic; he knew some of these men like Peter who were so boldly preaching the Lord Jesus Christ, and down in his own heart there must have been a thought something like this, "Perhaps these men are right; they are not drunk, and they are not getting money for this, on the contrary they are being persecuted; and certainly they speak with a boldness and a sure-mindedness that makes me feel afraid to persecute them, for I might in this way be fighting against God."

Friend rabbi, and friend Jew, who may be reading these lines: Won't you follow the example of Gamaliel? Just be a little tolerant to those who see in Christ what you refuse to see; and please don't hate those who are burdened with a sense of awful sin which you are unable to remove from them, and which they find can be taken away for all time by Him who said, "Come unto me, all ye that labour and are heavy laden, and I will give you rest." (Mat. 11:28.)

And then Mr. Rabbi, if you are honest, and will just say what Mr. Gamaliel said so many years ago, "Perhaps these men are right," that will be the first step in the opening of your mind which the Lord may use to bring to you also the blessed truth and salvation which comes only thru the Lord Jesus Christ who is the Truth and who said "No man cometh unto the father except by me." (John 14:6)

## THE WAILING WALL TRAGEDY

It was but natural for world-Jewry to resent the infringement of religious liberty in our homeland when, last Yom Kippur, an English official appeared at the Wailing Wall and forcibly removed the partition separating the male from the female worshippers. The whole incident is pathetic if not tragic, and all the more so because the Wailing Wall is the solitary remnant of the ancient glory that was Israel. The stones that remain have, through our long Galuth, been worn by the caresses of innumerable hands and by rivers of Jewish Tears.

And yet, how was the Goy to know that, according to Rabbinical tradition, a man may not look at, much less rub shoulders with a woman when he is offering prayers?

The stupid action of the Goy is, however, no less a tragedy than is that of the Wailing Wall itself. The Wailing Wall once formed a part of the Temple, the place where dwelt the Shekinah glory, but God permitted its destruction. He allowed it to fall into ruins. "Why? "Because it knew not the day of its visitation." Because it was turned into "a den of thieves" and had ceased to be "a house of prayer for all nations." That is why Jesus, looking upon its magnificence, lamented: "There shall not be left here one stone upon another" (Matthew 24:3). That is the supreme tragedy of the Wailing Wall.

That the Wailing Wall is yet destined to rise, phoenix-like, from its ruins, this is certain. For if our Holy Scriptures have any meaning at all our nationhood will yet vest itself in splendor. When? On that day when we shall hail our long-estranged Messiah with: "Baruch Habah b'Shem Adonai."

*(Copied from The Mediator)*

## BETH SAR SHALOM

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

### Come to Our Meetings

| | |
|---|---|
| EVERY FRIDAY - - - - | 8 P. M. |
| EVERY SUNDAY - - - | 8 P. M. |
| EVERY MONDAY - - - | 8 P. M. |

### ANONYMOUS LETTERS

**We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.**

**We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.**

# א פארפאָלגטער תלמיד פון ישוע המשיח

די ערצעהלונג פון דיעזען יונגען מאַן'ס ערפאהרונג צייגט אונז ווידער אמאָל ווי טרויעריג די אידישע גייסטיגע לאגע איז אין דער גאנצער וועלט. שנאת חנם הערשט אין אידישען הערץ סיי דאַ אין אמעריקא און סיי אין מצרים. דיעזע טהאטזאך דארף אויפוועקען יעדען איד פון זיין שלאף און זיך ארומזעהן ווי זיין נשמה איז פארפיהרט געווארען פון אהבה צו שנאת חנם און פון געטליכקייט צו רשעות. יעדער איד דארף איינזעהן אז ער דארף אזוי טהון ווי גאָט זאָגט דורך ירמיה הנביא אין קאפ. 6: „עמדו על דרכים וראו ושאלו לנתבות עולם אי זה דרך הטוב ולכו בה ומצאו מרגוע לנפשכם", אבער נישט אזוי ווי זייערע מנהיגים און פאלשע פיהרער ווילען זיי איינרעדען. דער גרעסטער סימן פון געטליכקייט אין מענשליכען הערץ איז ליעבע, אבער דארט וואו עס איז פאַראַן כעס און רגזה אנטלויפט די געטליכקייט. די בעלי התלמוד האבען עס אויך אזוי איינגעזעהן און באשטעטיגט; „בשלשה דברים אדם ניכר, בכיסו בכוסו ובכעסו.

---

דאָס בילד און ביאָגראפי איז פון משה מוליבער פון ירושלים.

ער שרייבט — „איך בין געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים ביי זעהר פרומע עלטערן וועלכע האבען מדקדק געווען אבצוהיטען אידישקייט אויף יעדען שריט און טריט. מיין טייערע מאַמע האָט זיך כמעט די אויגען אויסגעוויינט ביי דער כותל מערבי אז איך זאָל ווערען א מורה הוראה בישראל. ווי נור עפּעס א קבר פון א צדיק איז זי געגאַנגען מתפלל זיין אז איך זאָל אודאי נור א רב ווערען. ווי מיר וועלען אבער ווייטער זעהן האָט די השגחה אנדערש געוואָלט, און דעם אמת זאָגענדיג האָב איך אליין אויך אנדערש געוואָלט, ווייל איך האָב מיך שוין דאַמאָלס ארומגעזעהן וואָס רבנות איז...

„מיין פאָטער זייענדיג א פּראקטישער מענש און זעהענדיג אז איך קוק זעהר קרום אויף רבנות און אז פון מיר וועט קיינמאָל קיין רב מעהר נישט זיין, האָט ער מיך געגעבען אין דער אידיש־פראַנצויזישער אליאַנץ אום דאָרט א פּראָפעסיאָן צו לערנען. איך האָב דאָרט „מאהלעריי" זעהר שנעל תופס געווען און נאָך א 5 יעהריגען קורס אונטער דעם ארטיסט מר. כאהאנסקי האָב איך גראַדואַי־ט מיט אן אויסצייכנונג.

„דעם אמת זאָגענדיג בין איך אויך מיט דיעזער פּראָפעסיאָן נישט שטאַרק נתפעל געווען. איך האָב געזוכט עפּעס העכערעס... עפּעס מעהר נשמה'דיגעס... אבער וואָס ווען האָב איך קיין אהנונג נישט געהאָט.

„איינמאָל אזוי געהענדיג פון דער חברה אליאנס האָב איך מיך אָנגעשלאָגען אן א מאַן וואָס האָט פערטיילט עפּעס קליינע ביכלעך און ער האָט אויך מיך מכבד געווען מיט איין ביכעלע, וואָס עס האָט מיר ביים ערשטען בליק צו פארשטעהן געגעבען אז דאָס איז וועגען דעם משיח ישוע מנצ־ת. פיעלע האָבען די שריפטען צוריסען אויף פּיצ־פּיצלעך, און אָט טאקע צוליב דעם האָב איך בעקומען



נאָך א גרעסערען פערלאַנג צו זעהן וואָס עס איז דערין פאַראַן, וואָס מענשען זענען אזוי ברוגז דערויף.

„יאָ, דאָס איז געווען דאָס „ברית החדשה" דאָס נייע טעסטאַמענט; אבער וואו נעמט מען געווגג ווערטער אויסצודריקען ווי ווייט איך בין נתפעל געווארען דורך דעם הויכען אינהאַלט פון יענעם גאָט געבענשטען ספר'ל! ווי הויך דאָס האָט מיך א הויב־אויף געגעבען אז איך האָב עפּעס געפיהלט אז איך געפין זיך אויף א העכערער וועלט, אויף אן עולם רוחני.

„פון דאָרט וואו איך האָב דאַמאָלס געוואוינט איז נישט ווייט געווען צו דער שטאָדט נצרת וואו ישוע המשיח איז געבוירען געווארען, בין איך א צייט שפּעטער די שטאָדט געגאַנגען בעזוכען. דעם איינדרוק וואָס יענע שטאָדט האָט אויף מיר געמאכט איז אונמעגליך ארויסצושרייבען. דאָך, האָב איך דיעזע אלע ערפאהרונגען געמוזט אין מיר אונטערדריקען ווייל... מה יאמרו האנשים? טאַטע־מאַמע, קרובים און סתם פריינד און שכנים — עס איז דאָך ירושלים! אזוי זענען א פּאָר יאהר פאַראיבער ביז די השגחה האָט מיך ארויסגענומען פון ירושלים ווייט־ווייט אוועק מעבר לים, אזש נאָך אוסטראַליען. ביי יענער צייט איז די אינספּיראַציע פון יענעם ברית חדשה פון ירושלים און פון יענעם וויזיט אין נצרת אין מיר אביסעל אבגעקיהלט געווארען און איך האָב כמעט נישט מעהר געדענקט דערפון.

„אזוי געהענדיג איינמאָל אין דער גאַס געגען אבענד האָב איך דערזעהן א געזעמל מענשען שטעהען אויף דער גאַס און איינער שטעהט אין מיטען און דרש'ענט וועגען עפּעס. איך האָב באַלד אויסגעפונען אז דאָס איז געווען וועגען ישוע הנוצרי וואָס ווערט אנגערופען „ישוע המשיח". יענער אַלטער ברען האָט אין מיר אויפ'ס ניי אויפגעפלאַמט און האָב מיט גרויס שמחה פון זיי גענומען א „רעה ישראל" פון בית שר שלום ברוקלין נ. י. (אמעריקא). איך האָב באַלד דאָרט אהין צו יענעם עדיטאָר א בריעף געשריבען און האָב אויך באַלד אן אנטוואָרט בעקומען מיט נאָך אנדערע ספרים וואָס האָט מיר ערשט די אויגען געעפענט און פערשטאַנען דעם גאַנצען סוד פון דער אידישער גאולה דורך ישוע המשיח.

„ווי געוועהנליך האָבען מיינע אידישע בעקאַנטע דאָס באַלד ערפאהרען אז איך געה צו אסיפות וואו מ'דרש'ענט ישוע המשיח און איך גופא גלויב אויך דערין. האָבען זיי מיך אָנגעהויבען שטאַרק צו פארפאָלגען, איך האָב מעהר ביי קיין איד קיין ארבייט געקאָנט בעקומען און קיין קוואַרטיר בעקומען, פּשוט ווייל די פינסטערנים האָט נישט געקאָנט געמיינשאַפט האָבען מיט דעם ליכט. און ווייל דאָס אור המשיח האָט פון מיר ארויסגעשיינט האָט עס די פינסטערנים נישט געקאָנט בעגרייפען און אויפפאַסען.

„אַצי ווי דאָס וואָלט נאָך ווייניג געווען האָבען זיי אויך בריעף געשריבען צו מיינע עלטערן אין ירושלים, בכן וואָס עס איז פון מיר געווארען (לויט זייער אויפפאַסונג) וועלכעס האָט מיין טייערע מאַמע פריהצייטיג פון דער וועלט גענומען.

„יאָ, איך זאָג אָבער אזוי ווי דער גרויסער שליח שאול האָט אמאָל געזאָגט אין רומיים ח: „ווער וועט מיך אָבשיידען פון דער ליעבע פון משיח? ליידען, אנגסט, פארפאָלגונג, הונגער, נאַקעטקייט, סכנה אדער שווערט? יאָ, זיי האָבען געקאָנט מיר דאָס ברויט אוועקנעמען. זיי האָבען געקאָנט מיין טייערע מאַמע פון מיר אוועקרייסען, אבער קיינמאָל וועלען זיי נישט קענען ישוע המשיח פון מיין הערץ ארויסרייסען. די אמונה אין איהם וועט שוין דאָרט בלייבען לנצח נצחים. ערשטענס, ווייל „כה אמר ד'", אז ישוע איז דער משיח. צווייטענס, ווייל איך פיהל עס אין מיין הערץ אז ער איז מיין משיח און דער גואל פון דער גאַנצער וועלט. ואני תפלה אז יעדער איד זאָל איינזעהן דעם אמת אין ישוע המשיח און זאָלען זיי אויך ווערען קינדער פון ליכט. נישט־קשה, אידען דארפען דאָס נויטיג האָבען.

---

## בית שר שלום

(וויליאמסבורג מיססיאָן צו אידען)

קאָר. טהרופּ עוו. און וואַלטען סט., ברוקלין, נ. י.

---

קומט צו אונזערע פערזאַמלונגען

פרייטאָג נאַכט 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען

זאָנטאָג נאַכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

מאָנטאָג נאַכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאָניאַל

---

אונזערע טראַקטאַטען:

1. קול קורא
2. מה שמו
3. קין און הבל
4. הנה העלמה
5. לשני בתי ישראל
6. וכוח
7. דער לאָגיק
8. די דרייאייניגקייט
9. דאָס גאָלדענע קאַפּיטעל

## אמעריקאנער רבנים

מיט איינגע וואכען צוריק האבען ערשיינט אין די ענגלישע בלעטער ארטיקלען וועגען די אמעריקאנער רבנים, באשר, זיי ווילען נישט אז מ'זאל שיקען מיסיאנערן צו אידען. זיי האבען אנגעגריפען איינגע קריסטליכע פאסטארען ווי אויך די מיסיאנערן אין אלגעמיין פאר זייער פראפאגאנדירען די אמונה המשיחית צו אידען. זיי האבען אויך געדונגען עפעס א „בלעם", (איינעם וואס האט א קריסטליכע שטעלע אין א קירכע) אז ער זאל פארשעלטען די אידישע מיסיאנס ארבייט אזוי ווי דער אלטער בלק האט אמאל געדונגען יענעם אלטען בלעם צו פארשעלטען אידען. די היינטיגע בלק— בלעם קאמבינאציע האט אפנים פארגעסען אדער אפשר גאר נישט געוואוסט פון דעם „מה אקב לא קבה אל ומה אזעם לא זעם ד'" וואס דער אלטער בלעם האט אמאל ארויסגעזאגט צו בלק.

ווען גאט וואלט צוהערען די קללות פון די שונאי המשיח אין אלע צייטען וואלט קיין איין מיסיאן היינט נישט געווען בנמצא. גאט שעלט אבער נישט, ווייל ווי מיר וועלען שפעטער זעהן איז די גאנצע מיסיאנס טעטיגקייט גאט לרצון. ער בענשט, און ער העלפט אזוי ווי עס הייסט: „ויהפך ד' אלהים לך את הקללה לברכה כי אהבך ד' אלהיך". (דברים כ"ג). און דערפאר שאד לחלוטין נישט וואס דער שטן, אשמדאי, לילית וכל כת דלה שפרינגען פון דער הויט ארויס.

און מיינט נישט אז דאס זענען ארטאדאקסישע רבנים—כאטש זיי זענען אויך נישט קליינע שונאים פון מיסיאנערן — דיעזע אידישע קעמפער זענען דוקא רעפארמירטע רבנים וועלכע הויבען גאר נישט אן צו האלטען אידישקייט אדער צו גלויבען אין הייליגען תנ"ך. אט די זענען דאס די קעמפער, די גרויסע טשעמפיאנס פאר'ן אידישקייט. (נעביך!)

די וואס געדענקען נאך די רבנים אין אייראפא, זייער פרומקייט און זייער גרויס וויסענשאפט אין ש"ס ופוסקים, ראשונים ואחרונים, קענען זיך נישט גענוג פערוואונדערן איבער דיעזע אמעריקאנער רבנים וועלכע זענען אזוי ווייט הינטערשטעליג פון יענע אייראפעאישע רבנים, און דאך האבען זיי די העזה זיך אנצורופען רבנים, פיהרער פון אידענטום. מ'שטיינס געזאגט: רבנים אהן בערד, אהן פיאות, און אין מעהרערע פעלע אהן א שום אידישער צורה: דאס דערמאנט אונז אין דעם וואס די גמרא זאגט: „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם ואם הראשונים כבני אדם אנו כחמורים". און דאך וואגען זיי צו זיין קופיץ בראש, פיהרער פון די צאן קדשים ווי עפעס רעכטס. א צדיק אין פעלץ. און ווייל זיי דענקען אזוי פיעל פון זיך, קומט ביי זיי אויס אז מ'דארף קיינע מיסיאנערען אז זיי זאלען אידען אהין ווייזען צו דעם איינציגען צדיק, דעם משיח, וואס נור ער קאן אונז מענשען גערעכט מאכען, אזוי ווי גאט זאגט דורך ישעיה הנביא אין קאפ. נ"ג „בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים ועונותם הוא יסבל". דאגעגען אבער אויף אלע אנדערע מענשען, מיט די רבנים בראשם, זאגט גאט אין ישעיה ס"ה „וכבגד עדים כל צדקתינו", ד"ה, אז אלע אונזערע גערעכטיגקייטען זענען ווי א שמוציגעס קלייד. נישט נור ווי א פלעק וואס מ'קען עם ארויסנעמען נייערט עם איז פול מיט שמוץ וואס איז א גרויל דערויף צו קוקען.

אין זכריה ג' זעהען מיר א פערזענליכעם בייספיעל פון דעם מענשליכען צרה'דיגען אויסזעהן. דארט לייענען מיר אז יהושע כהן גדול איז פארגעשטעלט געווארען פארן מלאך ד' און איז געפונען געווארען אנגעטהון אין „בגדים צואים". און דער מלאך ד' וואס ווערט דארט געדאכט, איז אזא גרויסע פערזענליכקייט אז ער רעפרעזענטירט גאט אליין. יענער מלאך ד' האט געהייסען אז מ'זאל פון יהושע כהן גדול אראבנעמען די שמוציגע קליידער און זאגט צו איהם „ראה העברתי מעליך עונך", ד"ה, ער האט איהם מוחל געווען די עונות וואס די שמוציגע קליידער סימבאלירען. און ווען דיעזער מלאך ד' איז שפעטער געקומען אין געשטאלט פון א מענש, אין גוף פון ישוע המשיח, האט ער אויך געהאט דעמזעלבען כח מוחל צו זיין די עונות פון מענשען.

עס האט פאסירט איינמאל ווען א קראנקער איז געקומען צו ישוע המשיח, דעם פריהעריגען מלאך ד', און האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם אויסהיילען פון זיין קראנקהייט, האט ישוע איהם געזאגט „זיי געטרייסט מיין קינד, דיינע זינד זענען דיר פארגעבען. (מתתיהו ז) די סופרים און די פרושים האבען איהם גערופען גאטס לעסטערער, ווייל ווער אויסער גאט קאן זינד פארגעבען. אבער ישוע וואס האט געוואוסט זייערע שלעכטע געדאנקען האט צו זיי געזאגט: „וואס איז לייכטער, צו זאגען אז דיינע זינד זענען פארגעבען אדער צו זאגען צום קראנקען, שטעה אויף און ווער געזונד! אבער כדי איהר זאלט וויסען אז איך האב דעם כח זינד צו פארגעבען זאג איך צום קראנקען „שטעה אויף נעם דיין בעט און געה אהיים", און דער קראנקער איז געזונטערהייט אויפגעשטאנען און איז אהיים געגאנגען. דאס איז אין איינקלאנג מ ט תהלים ק"ג וואו עס הייסט „הסלח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי". דער וואס קאן היילען די קראנקע קאן אויך פארגעבען די זינד. ווען אידען וואלטען געהאט א ידיעה אין תנ"ך וואלטען זיי דערפון געוואוסט ווען ישוע המשיח איז פאר זיי געשטאנען אין ירושלים אלס דער גוטער מלאך ד' וואס האט זיי געוואלט געבען אי רפואת הנפש און אי רפואת הגוף. יא, זיי וואלטען אויך געווען פערשטאנען וואס גאט זאגט אין שמות כ"ג וועגען יענעם מלאך: „הנה אנכי שלח מלאך לפניך לשמרך בדרך... השמר מפניו ושמע בקלו... כי לא ישא לפשעכם כי שמי בקרבו". ד"ה, אז ער, דער מלאך ד' וועט האבען דעם כח אונזערע זינד צו פארגעבען, אויב מיר וועלען צוהערען זיין קול.

אז ישוע המשיח איז דאס יענער מלאך ד' איז באוויזען געווארען מיט פיעלע שטעלען פון הייליגען תנ"ך. איינע פון די איז אין זכריה ג' וואו ער האט פארגעבען יהושע כהן גדול די זינד. ישוע המשיח האט נישט נור געהאט דעם כח צו פארגעבען זינד און צו היילען כל'ערליי קראנקע, נייערט אויך לעבעדיג צו מאכען פשוט'ע מתים אפילו אזא לאזארוס וואס איז שוין געלעגען אין קבר פאר 4 טעג. (לוקס ט"ז).

אט דיעזען מלאך ד' וואס איז פערסאנאפיצירט אין ישוע המשיח ברענגען מיר צו אידען, כדי ער זאל ארונטער נעמען די בגדים צואים, די זינד; און ווער נאך איז אזוי בעזארגט וועגען די זינד ווי מיר אידען. ווער נאך פאסט אזוי פיעל אז די זינד זאלען פארגעבען ווערען ווי אידען? ווער נאך ליידעט אזוי פיעל צוליעב די זינד ווי אידען וואס קלאגען נאך עד היום „ומפני חטאנו גלינו מארצנו". ביז היינט האט נאך גארנישט געהאלפען, און עס וועט אויך ווייטער נישט העלפען, ווייל נור דער מלאך ד', ישוע המשיח קאן עס טהון. הייסט עס אז מיר טהון אידען א טובה מיט דעם וואס מיר ברענגען זיי דעם איינציגען וועג, ישוע המשיח, צו בעקומען סליחת עונות און פון גלות פטור צו ווערען. ישראל וואלט בעדארפט מיט גרויס שמחה דיעזע בשורה טובה הערען און גלויבען דרין. די רבנים ווידער וואלטען בעדארפט צו זיין די ערשטע אונז דאנקבאר צו זיין דערפאר וואס מיר קאנען אידען העלפען דארט וואו זיי קענען נישט, און זיי וואלטען בעדארפט די צאן קדשים שיקען אין אונזער מיסיאן, כדי צו הערען פון דעם איינציגען מיטעל ווי אזוי ישראל קאן געהאלפען ווערען א תשועת עולמים. ס'טייטש, דאס איז דאך עפעס נאך וואס ישראל לעכטצט שוין באלד 2000 יאהר! ביי ווענען נאך דארף אזוי טייער זיין דער אידישער גורל ווי ביי זייערע פיהרערס! צום סוף, אדרבא הערט — זיי זענען גאר ברוגז און דינגען א בלעם געגען אונז... אוי לאותה בושה!

צוריק צוקומען צו אונזער ענין און כדי צו פערשטארקען אונזער באהויפטונג מכח די אמונה המשיחית ווילען מיר אייער אויפמערקזאמקייט ציהען צוריק צו זכריה ג' וואו מיר לייענען „כי הנני מביא את עבדי צמח". וועלכעס איז פונקט אזוי ווי אידען בעטען אויף משיח „את צמח דוד עבדך במהרה תצמיח", וועלכעס איז אין איינקלאנג מיט ירמיה כ"ג וואו גאט פארשפרעכט צו שיקען דעם „צמח צדיק" וואס וועט אויך הייסען „ד' צדקנו".

יענע ווערטער „כי הנני מביא את עבדי צמח" האבען א גרויסען שייכות מיט די ווערטער „ראה העברתי מעליך עונך" פון זעלבען קאפיטל. עס איז אזוי ווי א פירוש, לאמר, זעה איך פארגיב דיר דיינע זינד און איך וועל אמאל ברייגנען דעם „צמח", דעם משיח, וועלכער וועט האבען דעם כח דאסזעלבע צו טהון, נעמליך צו פארגעבען די זינד.

פון דעם קאן דער ווערטהער לעזער שוין ארויסנעמען דעם געדאנק אז גאט און משיח איז דיזעלבע פערזאן, און טאקע דערפאר האט דער הייליגער משיח געקאנט אין אלע צייטען די זינד פארגעבען. אין יהושע כהן הגדול'ס צייט, און אין דער צייט ווען דער הייליגער משיח איז געווען אין ירושלים, ווי אויך עד היום הזה.

יא, די רבנים און אלע שונאים פון משיח מאכען א שרעקליכען טעות מיט זייער געגנערשאפט צו די טעטיגקייט פון די מיסיאנערן. און דערווייל שטעהען אידען אין הינטערגרונד און אין איגנאראנץ מכח דער זאך נישט וויסענדיג פון דעם הייליגען סוד וואס גאט האט אפענבארט צו די וואס ווילען נור וויסען. „סוד ד' ליראיו". (תהלים כ"ה: 14).

רבנים און סתם אידען, פארטיעפט אייך דערין און בעט ווי דוד המלך האט אמאל געבעטען „גל עיני ואביטה נפלאת מתורתך".

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל"ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלערען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. XI, No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1929


## א צלם אויף א שוהל

אידישע צייטונגען האבען ניט לאנג צוריק פאר־קינדיגט א גרויס אומגליק, א גרויס חלול הקודש, וואס האט נעביך אידען באטראפען. דאס שרעק־ליכע שטיקל נייעס האט געשטאכען די אויגען פון די אידישע באפעלקערונג פון הארלעם בפרט און פון אלע אנדערע אידען בכלל. פרעגט שוין גאר ניט, עס איז געווען א שרעק אפילו דאס צו לעזען. אזא אומגליק! אזא קאטאסטראפע!

דאס שרעקליכע אומגליק איז געשעהן אין א שוהל אויף 7טע עוועניו און 114טע סטריט אט דא אין ניו יארק. דיעזע שוהל איז געווען געבויט ספעציעל פאר א אידיש טעמפעל פון דער חברה „אנשי חסד". ניט לאנג צוריק איז דער טעמפעל פלוצים פארקויפט געווארען און פערוואנדעלט גע־ווארען אין א קאטוילישער קירכע, און דארט, אויף יענער געביידע איז פאראן א מין בילד וואס האט צוגעצויגען די אויגען פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג. צוליעב יענער ערשיינונג איז די געביידע געווארען עפעס א מין „טומטום", ווייל מ'קען דאדורך נישט דערקענען צי דאס איז נאך א אידישע שוהל צי עס איז א קאטוילישע קירכע.

סאמע אויבען פון דעם בנין איז פאראן א גרויסער צלם און אביסעל נידריגער זענען די „עשרת הדברות" אין לשון הקודש, מיט דער אויפשריפט ק"ק אנשי חסד.

עס פארשטעהט זיך אז די „עשרת הדברות" מיט'ן נאמען פון דער חברה איז נאך איבערגעבלי־בען פון בעפאר, פארגעסענדיג עס ארונטער צו נע־מען, און דעם צלם האבען די נייע אייגענטימער ארויפגעזעצט.

עס איז זעהר אונאנגענעהם צו רעדען אדער צו שרייבען וועגען דעם ענין, ווייל מיר ווייסען זעהר גוט וואסערע איינגעבוירענע שנאה עס ליגט אין אידישען הערץ גענען דעם צלם. דאך מוזען מיר א פאר ווערטער דעריבער שרייבען כדי דעם פאראור־טייל אביסעל אבצושוואכען. עס זענען פאראן זא־כען מיט וועלכע א טייל מענשען זענען לחלוטין אומבאקאנט אבער אן אנדערע גרופע מענשען הא־בען יא א וויסענשאפט דעריבער און זיי פיהלען אלס א חוב צו ברייננען א שטראהל פון ליכט פון דער וויסענשאפט וואס זיי האבען, צו יענע וואס האבען עס נישט און דארפען עס אבסאלוט יא הא־בען.

ערשטענס ווילען מיר דא בעטאנען אז אידען האבען אנגעווענדט דאס ווארט „צלם" אין א פאל־שער ריכטונג. צלם מיינט א בילד, אזוי ווי עס הייסט אין בראשית: „בצלם אלהים עשה את האדם", און ביי אידען מיינט דאס ווארט נאר א קרייץ, א שתי וערב. דאס איז איין גרויסער טעות וואס אונזערע אידישע עלטערן האבען געמאכט. און דעם אנדערען טעות וואס זיי האבען געמאכט איז, מיט די שנאה צום שתי וערב. דער געוועזענער הויך־געלעהרטער מאן, עמאנועל יאשפע פון באל־טימאר, האט וועגען דיעזער זאך געשריבען פאל־גענדעם ארטיקעל:

> איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמ־לונגען פרייטאג און זונטאג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.

„אין ויקרא ט"ז לעזען מיר אז דער כהן גדול האט געשפרענגט אום יום כפור דאס בלוט פון א ציגעלע זיבען מאל געגען מזבח כדי צו ברייננען א כפרת עון פאר כל ישראל. און אין מסכת יומא הייסט עס: „ולא היה מתכון להזות לא למעלה ולא למטה אלא כמצליף", ד"ה, דער כהן גדול האט נישט געשפריצט דאס בלוט נישט ארויף, נישט אראב, נייערט "כמצליף". רש"י זאגט דארט: „לא ידעתי לשונו", אז ער ווייסט נישט דעם פשט פון „כמצליף", און אפשר האט רש"י יא געוואוסט נור ער האט עס נישט געוואלט זאגען. מיר וועלען אבער יא דאס איבערזעצען און צו פארשטעהן גע־בען.

ווי מיר ווייסען — זאגט ווייטער דער געלעהר־טער מאן יאשפע — האבען אידען געהאט פיער פארשיעדענע מיתות צו פראקטיצירען אום צו בע־שטראפען פארברעכער. נעמליך: סקילה שרפה הרג וחנק. דאך, לעזען מיר אין דברים כ"א:

„וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אתו על עץ", מאכט דערויף דער תרגום: „ותצלב יתי על צליבו", ד"ה, אז מ'זאל איהם אויפנאגלען אויף'ן צלב. (קרייץ)

ווען „כמצליף" וואלט געווען געשריבען מיט א „ב" צולעצט (כמצליב) וואלט מען באלד דאס אי־בערזעצט „אזוי ווי א צלב". (א קרייץ) און מיר שיינט אז אם אנפאנג איז טאקע אין מסכת יומא יא געשטאנען דער כמצליף מיט א „ב" און נישט מיט א „ף", נור כדי צו פערדרייען דעם פשט און דעם געדאנק דערפון האבען שפעטערע עדיטארס און „קאפ - פארדרעהערס" אריינגעשטעלט א „ף" אמשטאדט די „ב" אז אידען זאלען נישט דערזעהן עפעס־וואס וועגען א „צלב" דרין. ד"ה, אז דער כהן גדול האט געשפרענגט דאס בלוט אום יו"כ אין בית המקדש, נישט ארויף, נישט אראב, נייערט ווי א קרייץ, (כמצליב) וואס האט אהין געוויזען צו יער זינד, „חטא מות", וואס איז פעראורטיילט געווא־רען ביי גאט צו דער צליבה אזוי ווי עס איז גע־שריבען „ותלית אתו על עץ".

מ'קאן אבער אויך זעהן דרין א קלארע הינווייזונג צום הייליגען משיח וואס איז געקומען גע־קרייציגט צו ווערען כדי מכפר צו זיין אויף אלע עונות פון די וואס גלויבען אין איהם; ווייל די אלע קרבנות זענען נור געווען טעמפעראר, צייט־ווייליגע, אבער דאס קרבן המשיח איז פאר אימער. דארום איז עס געהעריג און געביהרליך אז ווען דער כהן גדול האט מכפר געווען איין מאל אין יאהר, זאל ער האבען אהין געוויזען מיט זיין שפרענגען דאס בלוט קרייצווענס, אז דער משיח וועט קומען און שטארבען אויף'ן צלב פאר אונזערע זינד אלס א כפרת עון ולהביא צדק עולמים (דניאל ט) .

אזוי נאך איז זיך נישט דא וואס צו שעהמען מיט'ן שתי וערב און עס איז לחלוטין נישט אזא גרויס פארברעכען ווען מ'האט על פי טעות דארט אויף דעם געוועזענעם אידישען טעמפעל ארויפגע־שטעלט א שתי וערב נאהענט צו די עשרת הדברות. אמת, די עשרת הדברות זענען הייליגע געזעצען גע־געבען פון גאט ב"ה, אזוי איז אבער אויך ישוע המשיח וואס איז געשטארבען פאר אונזערע עבירות אויף'ן שתי וערב וועלכער איז געגעבען געווארען פון גאט ב"ה כדי מיר זאלען נישט פארלוירען געהן אין אונזערע זינד, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: „וד' הפגיע בו את עון כלנו".


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.